אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.




פרשת חקת תשפ"ב • זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות • גליון 268

## אמרות שמשון

### די 'באר' פאנגט זיך אן טיילווייז אויסטריקענען איידער מרים ווערט נפטר • די 'ענני הכבוד' און 'מן' זענען אנדערש פון די 'באר' • דער איבערשטער נעמט אוועק א צדיק פלוצלונג כדי כלל ישראל זאל דאס נישט קענען אפהאלטן

**וַיָּבֹאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל וגו' וַתָּמָת שָׁם מִרְיָם וגו' וְלֹא הָיָה מַיִם לָעֵדָה וגו'** (כ, א-ב):
דער הייליגער 'זרע שמשון' ברענגט אראפ פון חז"ל (ע"פ גמרא תענית דף ט' ע"א), אז די **'בארה של מרים'** האט שוין אנגעהויבן צוביסלעכווייז זיך אויסצוטריקענען איידער מרים איז נפטר געווארן.

**אזוי** ווי מיר געפונען אז דרייסיג טעג איידער א מענטש ווערט נפטר פון דער וועלט, פאנג אן די נשמה זיך אפצוטוהן פונעם מענטש. ווי עס שטייט ביי משה רבינו וואס האט געזאגט איידער ער איז אוועק פון דער וועלט (דברים לא, ב), **'לא אוכל עוד לצאת ולבוא'.** און חז"ל ערקלערן (גמ' סוטה יג:), **- לצאת ולבוא בדברי תורה**, עס האט זיך אים פארמאכט די קוועלער פון חכמה. (דאס זעלבע איז מיטן 'באר' וועלכע איז געקומען בזכות מרים, דעריבער איידער זי איז אוועק פון די וועלט איז אירע השפעה געווארן שוואכער, און די באר האט זיך צוביסלעך פארמינערט).

**שטעלט** זיך דער 'זרע שמשון' - מען דארף פארשטיין - פארוואס בלויז ביי די 'בארה של מרים' האט דאס אנגעהויבן אוועקצוגיין איידער מרים איז נפטר געווארן, דאקעגן ביי 'ענני הכבוד' (וועלכע איז געקומען בזכות אהרן הכהן), און 'מן' (וועלכע איז געקומען בזכות משה רבינו), געפונען מיר נישט אז דאס האט אנגעהויבן צוביסלעך אוועקצוגיין איידער די פטירה פון משה און אהרן.

**ענטפערט** דער הייליגער 'זרע שמשון', ביי אהרן הכהן האט נישט געקענט פאסירן אזא זאך, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (ילקוט רמז תשס"ד), אויב וואלט כלל ישראל געוואוסט ווען אהרן הכהן איז ארויף אויפן בארג אז אהרן גייט דארט נפטר ווערן, וואלטן זיי נישט צוגעלאזט דאס זאל פאסירן, און כלל ישראל וואלט איינגעריסן וועלטן כדי אהרן הכהן זאל נישט נפטר ווערן, דעריבער האט די מיתה געדארפט צוגיין אויף א שטילן פארנעם.




**דעריבער** פארשטייט מען פארוואס די 'ענני הכבוד' האבן נישט אנגעהויבן אוועקצוגיין צוביסלעך איידער אהרן הכהן איז נפטר געווארן, כדי כלל ישראל זאל זיך נישט דערוויסן אז אהרן הכהן גייט באלד נפטר ווערן פון די וועלט און זיך אנטקעגן שטעלן קעגן דעם רצון הבורא.

**דאס** זעלבע זאך איז געווען מיט די פטירה פון משה רבינו, וועלכע האט אויך געדארפט צוגיין אויפן זעלבן פארנעם אזוי ווי אהרן הכהן, אז כלל ישראל זאלן זיך נישט דערוויסן פארדעם אז משה רבינו גייט נפטר ווערן, דעריבער האט די 'מן' נישט אנגעפאנגן אוועקצוגיין איידער די פטירה פון משה רבינו. (זרע שמשון פרשתינו אות ה')

### די באר איז געקומען אין זכות פון אברהם אבינו און מרים • די זכות פון מרים איז געווען פאר די גאנצע פערציג יאר • ערקלערונג אין די ווערטער פון חז"ל

**וְלֹא הָיָה מַיִם לָעֵדָה וַיִּקָּהֲלוּ עַל מֹשֶׁה וְעַל אַהֲרֹן** (כ, ב):
רש"י ברענגט אראפ פון חז"ל (תענית ט.), **'מכאן שכל ארבעים שנה היה להם הבאר בזכות מרים'.** - פון דאס וואס מען זעהט אז די 'באר' האט זיך אפגעטוהן נאכן פטירה פון 'מרים', איז א ראי' אז די באר וואס כלל ישראל האט פארמאגט אין מדבר **דאס גאנצע פערציג יאר** איז געקומען בזכות 'מרים הנבואה'.

**שטעלט** זיך דער 'זרע שמשון', וואס קומט דא רש"י צו זאגן? פארוואס וואלט מען געטראכט אז די זכות פון מרים איז נאר געווען פאר א טייל פון די פערציג יאר?

**עס** שטייט אין חז"ל (בבא מציעא דף פ"ו ע"ב), 'די באר איז געקומען אין זכות פון אברהם אבינו'. פרעגט דער 'מהרש"א' (ד"ה בשכר שלשה), עס שטייט דאך אז די באר איז געקומען אין זכות פון מרים? ענטפערט דער 'מהרש"א', דער זכות פון אברהם אבינו וואלט נאר געווען פאר א קורצע צייט, אבער דאס וואס די באר איז געבליבן גאנצע פערציג יאר איז געווען אין זכות פון מרים.

**לויט** דעם ערקלערט דער הייליגער 'זרע שמשון' - דאס שטייט אין חז"ל - **'שכל ארבעים שנה היה להם הבאר בזכות מרים'.** מ'זאל נישט זאגן פארקערט אז די באר איז געקומען פאר א קורצע צייט בזכות מרים און דאס וואס ס'איז געבליבן גאנצע פערציג יאר איז געווען בזכות אברהם אבינו, נאר דאס וואס איז געווען גאנצע פערציג יאר איז געווען אין זכות פון מרים. (זרע שמשון פרשתינו אות ו')

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

לברכה ולהצלחה
צבי יצחק דוב בן גיטל חיה
וזוג' מדים סאבל בת אסתר
ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

'קול זרע שמשון'
ארץ ישראל 02-80-80-600
ארה"ב 716-229-4808
לונדון 0333-300-2515
ניתן להקדיש שיעורים לזכות לברכה ולעילוי נשמת

תורמים ונושעים
ארץ ישראל 02-80-80-500
ארה"ב 347-496-5657
או באתר: www.zerashimshon.co.il
כולם זוכים! קחו חלק בהפצה העולמית הנרחבת

לברכה ולהצלחה
יעקב ישראל בן חנה
להצלחה וברכה בלי גבול ומידה
ובפרט בפרוייקטים המיוחדים של הבניה
שיצליח להסתדר עם הפועלים

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

עס פארציילט הבה"ח ד. ל. נ"י פון עיר התורה וחסידות בני ברק:

## "בלויז עטליכע שעה שפּעטער"

**איך** וואוין אין שטאט בני ברק און איך לערן אין איינע פון די חשוב'ע בארימטע ישיבות דא אין שטאט, אזוי אויך קום איך פון זייער א חשוב'ע און אנערקענטע משפחה, און געלט האט ב"ה קיינמאל נישט געפעלט ביי אונז.

**אבער** פונדעסטוועגן האט איך געלעבט די לעצטע פאר יאר אונטער א שווערע דרוק און גרויסע זארג, דאס איז געקומען צוליב דעם וואס עטליכע פון מיינע ברודער ליידן פון א אינערליכע - גענעטישע - קראנקהייט וואס באגרעניצט זיי זייער שטארק, און איך האב שטענדיג געהאט די פחד אז אפשר ליידט איך אויך אויף דעם, און טראץ וואס איז ליידט נישט יעצט אויף דעם, אפשר וועט דאס ארויפקומען אויף מיר אין לויף פון די יארן.

**אין** מיינע יונגע יארן בפרט אין ישיבה קטנה - פארציילט ד. ל. - האב איך נישט צוגעלייגט צופיל קאפ ארום דעם, איך בין געווען פארנומען צווישן די כותלי בית המדרש, און איך בין געזיצן און געלערנט. אבער אפאר יאר שפּעטער נאכדעם וואס איך בין אריין אין ישיבה גדולה און מען האט אנגעהויבן צו רעדן פון שידוכים איז דאס ווידעראמאל ארויפגעקומען, און עס האט מיר ממש צוגענומען מיין מנוחת הדעת און מנוחת הנפש.

**יעדעס** מאל ווען איך האב געטראכט פון שידוכים איז מיר ארויפגעקומען בייזע מחשבות אין קאפ: אפשר ליידט איך אויך דערפון... אפשר וועל איך דארפן זיין לאנגע יארן אין שידוכים ביז איינער וועט מיר וועלן נעמען... וויפיל זאכן וועל איך דארפן אויפגעבן אז איינער זאל מיר נעמען פאר א חתן... אפשר וועל איך נישט קענען מאכן א געהעריגע שידוך... או"וו.

**איידער** איך בין אריין אין דער פרק האיש מקדש, האבן מיינע עלטערן מיר גענומען צו עטליכע דאקטורים וועלכע האבן געמאכט אסאך טעסט'ס, און אלע רעזולטאטן האבן ברוך ה' באשטעטיגט אז איך פארמאג נישט אין מיינע בלוט די קראנקהייט, א זאך וואס וואלט מיר בעצם געדארפט זייער בארואיגן.

**אבער** עס האט נישט אנגעהאלטן צו לאנג, מען האט אנגעהויבן צו אנטראגן שידוכים, און יעדער איינער וואס האט געהערט איבער די גענעטישע קראנקהייט וואס איז דא אין די משפחה האט זיך גלייך אפגעשאקלט פונעם שידוך, טראץ די אלע צעטלעך וואס מען האט געוויזן פון די דאקטורים אז ביי מיר איז עס בכלל נישט דא.

**אין** יענע תקופה - צווישן איין שידוך אינעם צווייטן וואס איז אראפ פון טיש - האב איך געהערט איבער די וואונדערליכע סגולה פון לערנען דער ספר זרע שמשון. איך האב זיך גלייך צוגעכאפט דערצו און איך האב דאס אנגעהויבן צו לערנען בקביעות יעדע וואך.

**ב"ה** נאך א קורצע צייט האט מען אנגעטראגן א שידוך וואס האט זיך געררוקט זייער פאראויס אלעס האט געשטימט ארום און ארום. אבער ווען עס געקומען איינדער די קומענדיגע שטאפל פונעם שידוך האט מען געמוזט פארציילן איבער די געזונטהייט פראבלעם אין די משפחה אבער מען האט צוגעלייגט אז ביי מיר איז נישט דא די פראבלעמען, און מען האט געוויזן די אלע דאקומענטן.

**פארשטייט** זיך אז די שידוך האט זיך דא אפגעשטעלט - האפנטליך נאר פאר א ווײַלע - און די אנדערע זייט האט אנגעהויבן צו פרעגן אינפארמאציע און דורכטון די נושא. דערווייל בין איך געשטאנען אויף שפילקעס נישט וואוסנדיג וואס די קומענדיגע טעג וועלן מיר ברענגן, עס איז געווען עקסטערע אנגעצויגענע טעג באגלייט מיט זארגן צוזאמען מיט האפענונג פון אמונה.

**פונקט** דעמאלטס איז מיר אויסגעקומען צו ליינען די וועכענטליכע גליון 'זרע שמשון' און עס איז געווען דארט באשריבן - א סיפור ישועה - א מעשה איבער א בחור וואס איז געשטאנען אין בערך די זעלבע מצב פון מיר - וואס ער האט געוואָרט א ענטפער איבער א שידוך - און ער האט מנדב געווען א סכום געלט צו פארשפרייטן תורת רבינו הזרע שמשון און גלייך נאכדעם איז די שידוך געשלאסן געווארן למז"ט.

**איך** בין געווארן זייער איבערגענומען דערפון, און איך האב גענומען די מעשה און גלייך געטון למעשה, איך האב אויך מנדב געווען א שיינע סומע פאר הפצת תורת רבינו הזרע שמשון.

**און** - פלאי פלאים - בלויז געציילטע שעות שפּעטער! איז דער שדכן צוריק געקומען זאגן אז די אנדערע זייט איז אינטערעסירט, און וויל זיך ווייטער פאראויס רוקן מיט דער שידוך.

**און** געלויבט דער הייליגער באשעפער, עטליכע טעג שפּעטער בין איך א חתן געווארן למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת, בזכות מקיים זיין די צוואה פונעם הייליגן צדיק, און פארשפרייטן זיינע תורות, זי"ע.


ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו